# נאכ'ן וואהל-יאריד

## אונזער טרייסט

די אלע קאנדידאטן, וואס האבן גע'חלומ'ט נאך א בענקעל צום שטאט-ראט, און זענען געבליבן זיצן אין דערהיים, דריקן מיר אוים דעם טיפסטן ביילייד, איהר זאלט שוין בעהיט ווערן פון צער. און דער האפנונג צו כאפן א בענקעל אין דער קהלה זאלט איהר אייער טרייסט געפינען.

דער קונדס-רעדאקטאר

## צו מארגענס
### נאך די וואהלען

ליגט אויף דער גאס א גאנצע מחנה נזמערלעך. עס בעווייזט זיך דער סטרוזש, קערט זיי אוים, לאזט זיי אריין אין קעסטעל און מורמעלט:
— דא כלערי, פיטר פארטיי-בעזימער האבן די צעריסן, און אין בעזים האט זיי פעראוינט...

### זעקס מיט אמאל

ביי דער וואהל-אורנע לעגט א יוד אריין זעקס נומערלעך, פרעגט מען איהם:
— פאניע, וואס לייגט איהר עפעס אריין זעקס נומערקעך?
— דער קאנדידאט פאר וועמען איך שטים, האט צוגעזאגט דירות, און איך האב זעקס טעכטער, דארף איך זעקס דירות.

### הארציגע תפלה צו די קהלה - וואהלען

טאטע פאטער! דיינע קינדער
טומלען זיך: „וויעצעב. וויעצעס"
און זיי שלייפן אין די דרשות,
אגיטאציעס מיט די העצעס.
ס'לערנט אונז די תורה דיינע:
„ונגיע רעד און ארבייט פיל!"
היינט־זשע צאהל נאר, נאט דאס לשון
פון דעם הייסן מיטינג-שפיל!
ס'ווערט אזוי פיל רייד פערגאסן,
אז מ'קאן דערטרינקען באלד;
מ'שלאפט אזוי פיל אין די הענד זיך,
אז זיי זענען שוין צוקנאלט...
טאטע קוק: אונזער הוים, אוי,
שטעהט פער'יתומ'ט און פעחוויסט!
ס'ליגט פערדרעהט דאס גאנצע מעבעל
און די קינדערלעך פעריסט...
טאטע זיסער, יאג דיך צו שוין
מיט די וואהלען מאך אנ'עק.
פון דעם מבול מיט די דרשות
שווימען וועלען מיר אוועק!...

### פייטעל און טרייטעל



פייטעל: זאג מיר טרייטעל, וואס זאגט אני-אדורכגעפאלענער ראטמאן נאך די וואהלען?
טרייטעל: אחות למעלה ושבע למטה.

## א ביסל „עניוותדיגע" רעקלאמע
### פון א קאנדידאט צום שטאט-ראט

צום „סהרים" איז אריינגעפאלן א פלוג-בלעטעל פון איינעם פון די אדורכגעפאלענע, מיר געבן איבער דעם אינהאלט כמעט ווערטלעך:
יחדען, ווער האט בארוהיגן פעטש און ווייטאג— פון מיין רבין?

מענדעל קאסעכארסקי!?

ווער האט אומגעווארפן א רוסישע קאזארמע?

מענדעל קאסעכארסקי!?

ווער האט ליב א סנעפסעל?

מענדעל קאסעכארסקי!?

ווער דערוואקעמט די בריטישע יחדישע באלקם־מאסען — מיט א ווארימען קרופניק?

מענדעל קאסעכארסקי!?

מענדעל קאסעכארסקי!?

ווער קעמפט פאר הומאקראטיזירונג, דעקאטעזירונג און דיזענפעקצירונג פון די בריטסטע מאסען?

מענדעל קאסעכארסקי!?

וועמען האפן אלע לאדזשער יחדען צו פערדאנקען זייער לעבען?

מענדעל קאסעכארסקי

אין שטאט-ראט וועל איך קעמפן געגען קאטאַרען און אנדערע אינפלוענציעס.
פאר אנערקענען די יחדישע שפראך אין שוהל, אין מרחץ, און אין אנדערע עפענטליכע ערטער.
אמת, ס'זענען אפשר פערהאן אזעלכע, וואס זענען פון מיר נישט צופרידען, אבער ווי שטעהט גום אין תהלים „כיוון שנותן רשית למשחית, אין מכחין בין טוב לרע!"
דערפאר מוזען אלע יחדען שטימען פאר דעם פונטינסטען און העלדישסטען ! ! ! !

מענדעל קאסעכארסקי?

## געכאפט
### צו איינעם פון זיי

עס האט דער בראווער דרייסטער העלד
געלאזט זיך אויפן פאנג
אין ברוינינג-רוישיגען וואהל-קאמף - טיף
געהרודערט טיף און לאנג...
נו, פרעג־זשע נישט אויף דעב ווארפאלג:—
עס שטייגען גרוים און קליין:
ער האט געכאפט דעם עבטען העכט
געפאקט אזש — זיך אליין!

## שטימט פאר דער ליסטע 00
### מוסטער פון א פלוג-בלעטעל

זוכסטו אלטער בחור א יונגע, שעהנע כלה.
קבצן, זוכסטו אויף שבת פיש מיט חלה,
באלומער דלות, ליידסטו פון הונגער און קעלט!
יונגע גרושה, זוכסטו א מאן מיט געלד,
פערזעסענע פאניענקע, ווילסטו א חתן אנ'אנטיק,
יודישער ארבייטער ווילסטו ארבייטען אין פאבריק
יונג פארפאלק שטרעבט איהר צו א גוטע דירה,
אלטער שוטה, ווילסטו פאר דיין יונג ווייבעל א שמירה,
איהר אלע בעזאמען מיטן מאטען און מיט דער מאכונ,
געהט, לויפט, מיט א הארץ א לייכטע נישט קיין שווערע,
און שטימט פאר דער ליסטע „00"

א. איטקין

## ער געהט נאך ירושה
### בעזוך ביי א דורכגעפאלענעם

— וואו וואוינט דא דער דורכגעפאלענער ראטמאן?
— איך בין עס, וואס האט איהר געוואלט?
— מ'האט מיך געשיקט אויפמאהנען ביי איך פאר רעדאגירען פאר איך א וואהל-אויפרוף.
— ווער האט געשיקט?
— דער פראפעסיאנעל - שרייבער מאקס טינטלער.
— זאגט איהם, אזא וועלט זאל ער האבען, וואס פאר א שרייבער ער איז. ער האט אזוי געשריבען, אז מיין לאגע איז אומבעשרייבליך....

## סוכה און לאקאטארען-שויץ
### קאמוניקאט פון לאקאטארען - פעראיין

אויף די פיל אנפראגעס ערקלערען מיר, אז אויף סוכות איז נישט חל דער געזעץ וועגן רעדוצירטע דירה-געלד. די פראגע וועט ערלעדיגט ווערען צוזאמען מיט די דירה-געלד רעדוקציעס פאר האנדעלס אונטערנעהמונגען.

### אושפיזין

א לאדזשער יוד זאגט:
— ווען די אושפיזין וואלטען געקומען מאכען פאר א פראטעסטעל, וואלט מען זיי נישט פערבעטען אין סוכה אריין.

### אתרוג - בענשערס ארגאניזירען זיך

ווי מיר דערוויסען זיך, האלט זיך ביים גרינדען אנ'אתרוג - בענשער-פעראיין. אויף א קאנפערענץ איז בעשלאסען געווארען, אייפצופירען אנ'איינהייטליכער פרייז פאר טוהען אין די הייזער אתרוג-בענשען. אויב די פאדערונג וועט נישט נאכגעגעבען ווערען, דראהען די אתרוג-בענשערס מיט א שטרייק.

## צו מיינע געעהרטע סוכה-זיצערס
### מעלדונג פון א סוכה-בעזיצער

דערמיט מעלדע איך מיינע געעהרטע סוכה-זיצערס, אז מיין סוכה איז פריש רעמאנטירט געווארען און עמפעהלט זיך צום קומענדיגען סוכות-סעזאן נומערירטע זיץ-פלעצער. רעעלע בעדינונג. דירה-געלד נאר פאר איין חודש ז'גורי.
קומט און איבערציגט אייך!

דער סוכה-איינהאבער.

### ביים זייגערמאכער

קליענט: פאניע, דאס זייגערל וואס איהר האט מיר פערקויפט, איז דאך עפעס א קאליקע?
זייגערמאכער: וואס רעדט איהר? ער האט דאך אזויפיל שטיינער.
קליענט: אפשר נאל-שטיינער.

### דאס איז פעראנטווארטליכקייט

לעהרער (צום שילער): ערקלער מיר הענעק, וואס איז דאס אזוינס פעראנטווארטליכקייט?
שילער: אויב ס'האבען זיך אפגעריסען אלע קנעפלעך פון מיינע הויזען, און ס'איז געבליבען נאר איין קנעפעל, הענגט די גאנצע פעראנטווארטליכקייט אויף דעם איינעם קנעפעל.

---

# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

בייל אגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 227
מיטוואך, דעם 30 סעפטעמבער 1936

לכבוד סוכות

## זיינע „אושפיזין"!...



